נחום אויסלענדער און אורי פֿינקל

# גאָלדפֿאַדן אין פּעטערבורג

## קאַפּיטל 9

אין אַפּריל 1881 האָט זיך אויפֿגעהויבן אין דרום-רוסלאַנד די פּאָגראָם-כוואַליע, פֿון וועלכער עס האָבן געליטן דערהויפּט די אָרעמסטע שיכטן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. דאָס האָט געמוזט שטעלן אונטער אַ געפֿאַר די עקזיסטענץ פֿון גאָלדפֿאַדנס טעאַטער. גאָלדפֿאַדנס טעאַטער, וואָס האָט אַלע מאָל געהאַט די לעבעדיקסטע באַהעפֿטונג מיט די אָרעמסטע שיכטן, האָט גלײַך געמוזט דערפֿילן די אָנגעקומענע פֿאַראָרעמונג און רוינירונג פֿון די ייִדישע מאַסן.

אופֿן דרום איז ניט געבליבן קיין אָרט פֿאַרן ייִדישן טעאַטער. גאָלדפֿאַדנס טרופּע ציט זיך איבער אין יענע געגנטן, וועלכע זײַנען געווען מער געזיכערט פֿון דער פּאָגראָם-כוואַליע, און אין יולי 1881 זעען מיר שוין גאָלדפֿאַדנס טרופּע אין פּעטערבורג. מיר ווייסן שוין, אַז פּעטערבורג האָט פֿון לאַנג אָן געהאַט אַ באַזונדער צוציונג-קראַפֿט פֿאַר גאָלדפֿאַדענען. גאָלדפֿאַדן האָט ניט אומזיסט אַזוי געגרייט זיך צו זײַנע גאַסטראָלן אין פּעטערבורג. פֿון דאַנען, פֿון פּעטערבורג, איז אין יענער צײַט געגאַנגען דורך דער רוסיש-ייִדישער פּרעסע יענער ייִדישלעך-אַריסטאָקראַטישער "באָן-טאָן," פֿאַר וועלכן עס האָבן אַזוי אָפֿט געמוזט יוצא זײַן ניט נאָר דער ייִדישער טעאַטער, נאָר אויך די ייִדישע ליטעראַטור.

מ. ספּעקטאָר דערציילט אין זײַנע זכרונות וועגן שלום-עליכמען, ווי שווער עס איז זיי ביידן -- ספּעקטאָרן און שלום-עליכמען -- געווען אין יענער צײַט לערך צו דערשלאָגן זיך, אַז אויף די שפּאַלטן פֿון דער פּעטערבורגער רוסיש-ייִדישער

פּרעסע זאָל אַנערקענט ווערן די עקזיסטענץ פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור(86).

דאָס מאָל האָט זיך גאָלדפֿאַדענען געדאַכט, אַז עס גייט אין דער עקזיסטענץ פֿון דעם ייִדישן טעאַטער, וואָרום פֿאַרבלייַבן מיט דער אַנערקענונג פֿון דער פּראָווינץ, בעת ים האָט פֿאַרפֿאָלגט די איראָנישע און נעגאַטיווע באַציונג מצד דער טאָנגעבנדיקער פּעטערבורגער פּרעסע, האָט שוין ווייַטער גאָלדפֿאַדנס טעאַטער ניט געקאָנט.

דערפֿאַר האָט גאָלדפֿאַדענען, גלייַך נאָכן אַרויספֿאָר פֿון אָדעס, אין יאָר 1880, אָנגעהויבן ציִען קיין פּעטערבורג. איצט, שוין צום סוף פֿון 1881 יאָר, איז זייַן ווונטש פֿאַרווירקלעכט געוואָרן. אָבער ווען גאָלדפֿאַדן איז געפֿאָרן קיין פּעטערבורג, איז ער אַליין שוין ניט געווען ענלעך צו דעם גאָלדפֿאַדן, וואָס איז מיט אַ יאָר צוריק אַרויסגעפֿאָרן פֿון אָדעס. ווי מיר ווייסן, האָט די פּאָגראָם-צייַט דורכגעפֿירט אַ געוויסן גרענעץ אין גאָלדפֿאַדנס ליטעראַרישער טעטיקייט. פֿון די לידער און פּיעסן זייַנע, וואָס האָבן דירעקט באַהאַנדלט דעם פּאָגראָם-סיוזשעט, זעט מען, ווי די פּאָגראָם-צייַט האָט אומגעביטן גאָלדפֿאַדנס געדאַנק און געשטויסן אים צו גיין אופֿן וועג פֿון חיבת-ציון. מת, אין די ערשטע חדשים נאָך די פּאָגראָמען איז נאָך גאָלדפֿאַדן אַזוי ווייַט ניט געגאַנגען, אָבער אַ געוויסע ענדערונג אין זייַנע שטימונגען האָט זיך דאָך געלאָזט וויסן שוין דאַן, ווען ער איז געקומען קיין פּעטערבורג. אין אַן אינטערוויו, וואָס ער האָט דעמאָלט געגעבן אַ פֿאָרשטייער פֿון "ראַסוועט," האָט ער שוין גענומען ריידן מיט אַ באַזונדערער גרינגשעצונג וועגן זייַנע פֿריאיקע ווערק. דער פֿאָלקסטימלעכער קאָמיזם פֿון זייַנע פֿריאיקע פּיעסן, וואָס גייען אַזוי גרינג איבער פֿון סאָציאַלער סאַטירע צום וואָדעוויל און פֿאַרס, די אויסלאַכונג פֿון די נעגאַטיווע געשטאַלטן פֿון ייִדישן לעבנשטייגער, וואָס איז ביז אַהער געווען דער לעבעדיקער נערוו פֿון גאָלדפֿאַדנס טעאַטער-שפּיל -- דאָס אַלץ האָט איצט גלייַך ווי אָנגעוואָרן אין גאָלדפֿאַדנס אויגן די

באַרעכטיקונג. יעדנפֿאַלס אַזוי האָט ער געוואָלט דאָס אויסמאָלן אין זײַן אינטערוויו (87).

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז עס וואָלט זײַן ניט ריכטיק אָנצונעמען, אַז די מיינונגען, וואָס גאָלדפֿאַדן האָט אין דעם אינטערוויו אַרויסגעזאָגט, זײַנען געווען פֿרײַ פֿון דער ווירקונג, וואָס אויף ים האָט געהאַט די פּעטערבורגער "אויפֿגעקלערטע" סבֿיבֿה. אָבער חוץ דעם איז אין דעם אינטערוויו געווען אַ סימפּטאָם פֿון דער ענדערונג, וואָס האָט זיך צו דער צײַט אָנגעהויבן אין גאָלדפֿאַדנס שאַפֿן. אין גאָלדפֿאַדנס טעאַטער האָט זיך עס לכתּחילה ניט געלאָזט מערקן מיט גאָרנישט.

די פּעטערבורגער רוסישע פּרעסע גיט די מעגלעכקייט אויפֿצושטעלן דאָס גאַנצע בילד פֿון גאָלדפֿאַדנס גאַסטראָלן אין פּעטערבורג און אויף אייניקע עפּיזאָדן פֿון דער צײַט וועלן מיר זיך אָפּשטעלן גענויער.

די ערשטע ידיעות וועגן גאָלדפֿאַדנס אָנקום קיין פּעטערבורג באַקומען מיר נאָך מיט אייניקע וואָכן פֿריִער פֿאַר דעם אָנהייב פֿון זײַנע טעאַטער-פֿאָרשטעלונגען. אַזוי טרעפֿן מיר שוין אין אייניקע פּעטערבורגער צײַטונגען פֿון 10-טן און 11-טן יולי 1881 אַ קורצע נאָטיץ וועגן דעם, אַז אין פּעטערבורג איז דעם 9-טן יולי אָנגעקומען "די ייִדישע וואַנדערנדיקע אָפּערעטישע טרופּע פֿון ה. גאָלדפֿאַדן [_פּעטערבורגסקייַאַ גאַזעטאַ_ נאָ. 160, 1881. _פּאָריאַדאָק_ נאָ. 188, 1881]. שפּעטער מיט אַ וואָך, דעם 18-טן יולי, ווערט שוין אין די צײַטונגען געמאָלדן, אַז די פֿאָרשטעלונגען פֿון דער ייִדישער אָפּערעטע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון גאָלדפֿאַדן וועלן זיך אָנהויבן אינגיכן אין קרעסטאָווקטער גאָרטן [_פּעטערבורגסקייַאַ גאַזעטאַ_ נאָ. 167, 1881. _פּעטערבורגסקיִי ליסטאָק_ נאָ. 1881, 18-גאָ יִוליאַ]. ווי עס זעט זיך, האָבן די הכנהס געדויערט בײַ אַ פּאָר וואָכן און די ערשטע פֿאָרשטעלונג איז פֿאָרגעקומען דעם 23-טן יולי פֿון

1881 יאָר. דער רושם פֿון די ערשטע פֿאָרשטעלונגען פֿון גאָלדפֿאַדנס טרופּע איז געווען אַזאַ, אַז סײַ די גרעסטע דעמאָלטיקע צײַטונגען ווי "נאָוויע ווּרעמיאַ" און "נאָוואָסטי" סײַ די קלענערע צײַטונגען, ווי "פּעטערבורגסקײַאַ גאַזעטאַ" האָבן גלײַך אויף מאָרגן אָפּגעדרוקט ברייטערע רעצענזיעס.

די צײַטונג "פּעטערבורגסקײַאַ גאַזעטאַ"* -- אַ טיפּישער בלאַט פֿון דער "קליינער פּרעסע" -- הויבט אָן די רעצענזיע מיט דער סענסאַציאָנעלער ידיעה, אַז "אין דער פּעטערבורגער טעאַטער-וועלט האָט זיך באַוויזן אַ נייס -- די ייִדישע טרופּע. נאָך אַ לאַנגן אַריינפֿיר וועגן דעם, צי מעג גאָלדפֿאַדנס טרופּע הייסן אַן אָפּערעטן-טרופּע, ווי זי גיט זיך אָן, אָדער ניט (דער רעצענזענט מיינט, אַז ניין) גייט ער איבער צו דער פֿאָרשטעלונג פֿון "שמענדריק," גיט איבער דעם סיוזשעט פֿון דער פּיעסע און פֿאַרענדיקט:

"... דידאָזיקע גאַנצע אינהאַלטלאָזיקייט איז צוגעפּראַוועט מיט קאָמישע סיטואַציעס פֿון דרײַ פּערזאָן: אַן אַרענדאַרקע וועמעס ראָליע עס האָט גאַנץ ניט שלעכט אויסגעפֿילט דער מאַנספּערזאָן ה. פֿישקינד, איר זון שמענדריק גאַנץ טיפּיש אויסגעפֿילט פֿון צוקערמאַנען און שהימען, שמענדריקס פֿעטער, ה. שראַגאָ. מער פֿון אַלץ איז דעם פּובליקום געפֿעלן געוואָרן אַ ייִדישער טאַנץ און אַ דועט, אַ גאַנץ אָריגינעלער און מעלאָדישער. ניט געקוקט אויף שלעכטען וועטער האָט זיך צונויפֿגעקליבן אַ גרויסער עולם." **

אין זעלביקן טאָן נאָך מיט עטוואָס מער שאַרפֿקייט האָט געשריבן דער רעצענזענט פֿון "נאָוויע ווּרעמיאַ" וועגן דעם צווייטן דעביוט פֿון גאָלדפֿאַדנס טרופּע אין פּעטערבורג.

"שבת דעם 25-טן יולי -- דערציילט דידאָזיקע צײַטונג -- האָט זיך אין קרעסטאָווסקער פּאַרק אויפֿגעקליבן אַ גרויסער עולם הויפּטזעכלעך פֿון ייִדן. עס איז פֿאָרגעשטעלט געוואָרן "דער פֿאַנאַטיק."

*) "פּעטערבורגסקיַיאַ גאַזעטאַ" נאָ. 173, 1881.

**) װעגן ערשטן דעביוט פֿון גאָלדפֿאַדנס טרופּע װערט דערציילט אויך אין דער ציַיטונג "ס. פּעטערבורגסקִיע װעדאָמאָסטי" נאָ. 172 אָנװײַזנדיק װי אויך דער ערשט-דערמאָנטער רעצענזענט אויף דעם שלעכטן װערטער פֿון דעם טאָג, באַמערקט די ציַיטונג, אַז עס האָט זיך דעם אָװנט אויפֿגעזאַמעלט אַזאַ גרויסער עולם, װעלכן מע האָט ניט געזען אין קרעסטאָװסקער גאָרטן פֿון זינט ער איז געעפֿנט געװאָרן. די ציַיטונג גיט אַ גינסטיקע אָפּשאַצונג פֿון דער אַקטיאָרישער שפּיל אין "שמענדריק" צוגעבנדיק דערבײַ, אַז די אַפּלאָדיסמענטן זײַנען טיילװײַז געװען באַשטימט פֿאַרן אַװטאָר. אַזאַ אָפּשאַצונג װאָלט פֿשר געהאַט פֿאַר אונדז אַ געװיסן װערט, װען ניט דער פֿאַקט, אַז די אָנגערופֿענע ציַיטונג -- אַמאָל אַ גאַנץ ערנסטע ציַיטונג -- איז גראַדע אין דער ציַיט אַרײַנגעפֿאַלן אין פֿאַרדאָרבענע הענט. גבֿ װערט אין דער זעלבער ציַיטונג (נאָ. 170) געמאָלדן, אַז גאָלדפֿאַדנס טרופּע איז געקומען קיין פּעטערבורג אין באַשטאַנד פֿון "העכער דרײַסיק מאַן," װאָס האָט דעמאָלט פֿילו פֿאַר פּעטערבורג, װי עס װערט דערבײַ אָנגעװיזן, געהייסן אַ גאַנץ גרויסע טרופּע.

דער רעצענזענט װײַזט אָן, אַז די אָפּערעטע פֿאַרמאָגט ניט קיין קאָמישן עלעמענט, די טרופּע איז צו קליין, דער אָרקעסטער - אַ קלאָגעדיקער, די קאָסטיומען און דער גרים אויך שלעכט און ער קומט צו אויספֿיר אַז בײַ אַזאַ שלעכטן באַשטאַנד, און בײַ דער קלאָגעדיק-אָרעמער אויסשטאַטונג װעט די טרופּע ניט האָבן קיין דערפֿאָלג.

װי אַ באַװײַז ברענגט דער רעצענזענט דעם פֿאַקט, אַז שוין נאָך דעם ערשטן אַקט פֿון דער פֿאָרשטעלונג האָט "אַ העלפֿט ייִדן פֿאַרלאָזט דעם גאָרטן."*

אַנטקעגן די צװיי געבראַכטע רעצענזיעס קלינגט װי אַ דיסאָנאַנס די דריטע גרעסערע רעצענזיע, װאָס איז געװען

אָפּגעדרוקט אין דעמסעלבן טאָג אין דער צײַטונג "נאָוואָסטי."
נײַ איז אין דערדאָזיקער רעצענזיע ניט די אָפּשאַצונג פֿון דער קינסטלערישער זײַט פֿון גאָלדפֿאַדנס פֿאָרשטעלונגען, נאָר דער צוגאַנג צום ייִדישן טעאַטער, ווי צו אַ באַדײַטנדיקן קולטורעל-געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַקטאָר.

"שטרענג גערעט -- שרײַבט דער רעצענזענט -- קענען מיר ניט ניט באַגריסן דעם פֿאַקט פֿון אַזוינע פֿאָרשטעלונגען. פֿון שטאַנדפּונקט פֿון קונסט האָבן די פֿאָרשטעלונגען קיין באַדײַטונג ניט. מיר האָבן געזען באַרימטע אַרטיסטן; וואָס זשע קאָן געבן אַ וואַנדערנדיקע אָרעמע טרופּע? אָבער דערדאָזיקער קריטערי איז ניט אינגאַנצן פּינקטלעך. די ייִדן קאָנען ניט געבן קיין גוטן טעאַטער מיט איין מאָל. די זאַך פֿון טעאַטער איז אַ נײַע זאַך פֿאַר זיי און באַשאַפֿנדיק דעם טעאַטער, האָט גאָלדפֿאַדן געדאַרפֿט אָנהויבן אַב אָוואָ. עס האָט געדאַרפֿט פּטרן ניט ווייניק מי און ענערגיע כּדי צו געפֿינען דרײַסטע און אַנטשיידענע מענטשן, וואָס האָבן קיין מורא ניט, אַז פֿאַר זייער טעטיקייט וועט מען זיי אַרײַנלייגן אין חרם. נאָכדעם האָט מען דידאָזיקע מענטשן געדאַרפֿט לערנען, מע האָט געדאַרפֿט אַליין שרײַבן פּיעסן, צוקלײַבן מוזיק און ווײַטער. דאָס אַלץ, פֿאַרשטייט זיך, איז שווער געווען און מיט איין מאָל האָט עס זיך מיט אַ דערפֿאָלג ניט געקענט באַקרוינען. אָבער דאָס איבעריקע וועט שוין דערטאָן די צײַט און די אַרבעט; דערווײַל איז אָבער וויכטיק די אידייע. די אידייע פֿון ה. גאָלדפֿאַדן איז דער קאַמף מיטן פֿאַנאַטיזם דורכן טעאַטער. ער פֿירט דעמדאָזיקן קאַמף ענערגיש און שפּילט דעריבער זשאַרגאָן, כּדי צו זײַן צוטריטלעך דער מאַסע פֿון פעבל (מאַססע טשאָרני).

אָפּשטעלנדיק זיך נאָך גענויער אויף די אויפֿקלער-טענדענצן פֿון גאָלדפֿאַדנס טרופּע, קומט דער רעצענזענט צום באַשלוס, אַז "אין די ערטער, ווו דער קאָנטינגענט פֿון ייִדנטום איז גרויס, קאָן אַזאַ טרופּע האָבן אַ נוצלעכע און

לעבעדיקע באַדיײַטונג. פֿון דעם שטאַנדפּונקט קענען מיר ניט ניט באַגריסן אַזעלכע שוישפּילן."**)

*) "נאָוויע וורעמיאַ" נאָ. 1943, 1881. **) "נאָוואָסטי אי בירזשעווייַאַ גאַזעטאַ" נאָ. 196, 1881.

הערות

נ[חום] אויסלענדער און ו[רי] פֿינקעל [פֿינקל]. _[בּרם] גאָלדפֿאַדן; מאַטעריאַלן פֿאַר אַ ביִאָגראַפֿיע_. מינסק: אינסטיטוט פֿאַר ווײַסרוסלענדישער קולטור, 1926, זז' 63-73.

86. מ. ספּעקטאָר -- אַ קאַפּיטל זכרונות. צום אָנדענק פֿון שלום-עליכם (זאַמעל-בוך)_, פּעטערבורג, 1918.

87. ראַסוויעט_ 32 1881.

אַזאַ אַנערקענונג פֿון דער קולטורעל-געזעלשאַפֿטלעכער באַדײַטונג, וואָס עס האָט געהאַט גאָלדפֿאַדנס טעאַטער, האָט אין אַ דעמאָלטיקער פּעטערבורגער צײַטונג געמוזט קלינגען גענוג איבערצײַגנדיק און דער אָביעקטיוור טאָן פֿון דער רעצענזיע האָט געמוזט אָפּשוואַכן די פֿאַרניכטנדיקע אָפּשאַצונגען פֿון די פֿריִער-ציטירטע פּעטערבורגער צײַטונגען. קאָנטיק, אַז כּדי נאָך מער צו פֿאַרשטאַרקן זײַן פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג פֿון גאָלדפֿאַדנס טרופּע, שרײַבט דער רעצענזענט פֿון "נאָוואָסטי": "אין טעאַטער זײַנען געווען אַ סך ייִדן, וואָס האָבן געהערט צום אינטעליגענטן קלאַס. אַלע האָבן געלאַכט פֿון פֿולן האַרצן. דער ספּעקטאַקל איז אפּנים געפֿעלן געוואָרן."

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז די דרײַ רעצענזיעס, וואָס מיר האָבן געבראַכט, האָבן אָפּגעשפּיגלט די אַלגעמיינע געזעלשאַפֿטלעך-פּאָליטישע טענדענצן פֿון דער אָדער יענער צײַטונג. פֿאַר דער צײַטונג "נאָוואָסטי," וואָס האָט געהאַט אַ געוויסע ליבעראַלע שטעלונג אין דער נאַציאָנאַלע פֿראַגע, איז

דער אָביעקטיווער טאָן פֿון דער רעצענזיע געווען מער נאַטירלעך, איידער פֿאַר דער צײַטונג "נאָוויע ווּרעמיאַ," וואָס האָט שוין צו יענער צײַט גענומען אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם אויסערלעכן לבֿוש פֿון פּראָגרעסיווע אָנשווינגען. עס איז אָבער כּדאַי צו באַמערקן, אַז אויך די צײַטונג "נאָוויע ווּרעמיאַ" האָט שפּעטער גענומען אַן אַנדער שטעלונג צו גאָלדפֿאַדנס טעאַטער. נאָך דאָס איז געקומען מיט עטלעכע חדשים שפּעטער נאָכדעם, ווי גאָלדפֿאַדנס טרופּע האָט דורכגעמאַכט שוין אַ געוויסן עטאַפּ אין פּעטערבורג.

ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן, זײַנען די ערשטע פֿאָרשטעלונגען פֿאָרגעקומען אין קרעסטאָווסקן גאָרטן. פּנים, אַז אין דער צײַט האָט גאָלדפֿאַדנס טרופּע, ניט ווּיסנדיק נאָך, ווי לאַנג זי וועט פֿאַרבלײַבן אין פּעטערבורג, דורכגעפֿירט די פֿאָרשטעלונגען מיט אַ קנאַפּער אָנשטרענגונג. חוץ דעם מאַנגל אין אויסשטאַטונג און קאָסטיומען האָט אויך געפֿעלט אַן אָנשטענדיקער אָרקעסטער, וואָס רופֿט אַרויס איינשטימיקע פֿאָרוווּרפֿן מצד אַלע פּעטערבורגער רעצענזענטן. "די דעביוטן פֿון דער ייִדישער טרופּע -- שרײַבט דער רעצענזענט פֿון יענער צײַט -- ווערן פֿאָרגעזעטסט אין טעאַטער פֿון קרעסטאָווסקן גאָרטן בײַ אָרעמע דעקאָראַציעס, בײַ אַ שלעכטער אויסשטאַטונג און אַן אומענלעכן אָרקעסטער, אין וועלכן די אָרעמקייט פֿון די סטרונען-אינסטרומענטן, די העפֿקערדיקע טרומייטערײַ פֿון די טרובעס און דאָס דונערען פֿון דעם מאָנומענטאַלן טערקישן פּויק (נאָך מיט מאַצן דערצו!) דערמאָנען אין די סימפֿאָנישע איבונגען פֿון די ברודער זעמעל און די קלאָונעס אָזאָרני." *

פּונקט אַזוי ווערט אויך בײַ אַלע רעצענזענטן אָנגעוויזן אויף דער שוואַכקייט פֿון פֿרויען-פּערסאָנאַל אין גאָלדפֿאַדנס טרופּע.

ווי עס זעט זיך, האָט גאָלדפֿאַדן דאָס אַלעס געמוזט נעמען אין אַכט און ווי נאָר עס איז קלאָר געוואָרן, אַז ער פֿאַרבלײַבט אין פּעטערבורג אויף אַ לענגערע צײַט,

*פּעטערבורגסקִיִ ליסטאָק, נ. 146, 1881

האָט ער גלײַך גענומען זאָרגן וועגן פֿאַרבעסערן דעם באַשטאַנד פֿון דער טרופּע. אָנהייב אָקטיאַבער פֿון יאָר 1881 לייענען מיר שוין אין דער צײַטונג "נאָוואָסטי" פֿאָלגנדיקע נאָטיץ: "אונדז ווערט געמעלדעט, אַז די יִדישע אָפּערעטן-טרופּע פֿון די ה. ה. גאָלדפֿאַדן און צוקערמאַן בלײַבט אין אונדזער הויפּט-שטאָט אויף אַ גאַנצן ווינטער, דערויף האָט זי שוין באַקומען אַ דערלויבעניש פֿון פּעטערבורגער אָבער-פּאָליצמײַסטער גענעראַל-מײַאָר קאָזלאָוו. די פֿאָרשטעלונגען וועלן געגעבן ווערן אין זאַל פֿון ביליקע דירות, אין איזמײַלאָוו-פּאָלק. בײַ הײַנטיקן טאָג איז מען שוין צוגעטראָטן צו דער נויטיקער רעמאָנטירונג פֿון דער סצענע און עס זײַנען שוין באַשטעלט געוואָרן נײַע דעקאָראַציעס. דער ה. צוקערמאַן איז אָפּגעפֿאָרן קיין אָדעס, כּדי צו אַנגאַזשירן אייניקע פּרימאַדאָנעס."* דער איבערגאַנג אין זאַל פֿאַר ביליקע דירות, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין אָקטיאַבער פֿון 1881 האָט קאָנטיק געבראַכט אַ געוויסע פֿאַרבעסערונג אין די פֿאָרשטעלונגען פֿון גאָלדפֿאַדנס טרופּע און עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס גלײַך נאָכדעם טרעפֿן מיר אין "נאָוויע וורעמיאַ" שוין אַ גינסטיקע רעצענזיע וועגן גאָלדפֿאַדנס טעאַטער.

"די יִדישע טרופּע פֿון ה. גאָלדפֿאַדן -- שרײַבט דער רעצענזענט -- האָט געפֿונען אַ מקום מנוחה אין דעם ניט גרויסן און ווײַטן פֿון צענטער זאַל פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַר ביליקע דירות. דידאָזיקע טרופּע גיט אירע פֿאָרשטעלונגען יעדער טאָג און ציט צו אַ גאַנץ פֿיל-צאָליקן און דורכויס אייגנאַרטיקן עולם. צוויי מאָל האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צו זײַן אויף דידאָזיקע ספּעקטאַקלען.ביידע מאָל האָב איך געטראָפֿן

אָפּערעטן-פֿאָרשטעלונגען אוןביידע מאָל איז דער זאַל געווען געפּאַקט.

די קליינע סצענע, דער אומבאַקאַנטער זשאַרגאָן, דער שוואַכער אָרקעסטער -- דאָס אַלץ מאַכט לכתּחילה אַ ניט-אָנגענעמען איינדרוק, אָבער נאָכדעם געוווינט איר זיך ביסלעכווייַז צו צו דערדאָזיקער סבֿיבֿה און סוף-כּל-סוף קומט איר צו דער איבערצייַגונג, אַז די פֿאָרשטעלונגען פֿון דער ייִדישער טרופּע זייַנען גאַנץ אָריגינעל, אַז אין דער צאָל פֿון די אַקטיאָרן זייַנען פֿאַראַן גאַנץ טאַלאַנטפֿולע פּערזאָנען און אַז אין אַלגעמיין האָבן די ספּעקטאַקלען אַ סך געמיינזאַמעס מיט די דייַטשישע פֿאָרשטעלונגען, דיזעלביקע אָפּטמאָל אומנאַטירלעכע דעקלאַמאַציע און דערזעלביקער שטיק בייַם אויספֿילן די קופּלעטן.

ווייַטער שטעלט ער זיך אָפּ אויף דעם אַקטיאָרן-באַשטאַנד, טיילט אויס אייניקע פֿון זיי (פֿישקינד און צוקערמאַן) און באַמערקט דערבייַ: "די אויסשטאַטונג איז אַ גאַנץ אָנשטענדיקע."**

דאָס איז שוין געווען אין יאַנוואַר פֿון 1882 אַ קורצע צייַט פֿאַר דעם ווי גאָלדפֿאַדן האָט פֿאַרלאָזן פּעטערבורג.

ווי זשע איז געווען די באַציונג צו גאָלדפֿאַדן מצד די טאָן-געבער פֿון דער פּעטערבורגער ייִדישער געזעלשאַפֿט אין משך פֿון דער צייַט, ווען גאָלדפֿאַדן האָט

* "נאָוואָסטי אי בירזשעווייַאַ גאַזעטי" 263, 1881. ** "נאָוויע ווּרעמיאַ" נאָ. 2111, 1882

גאַסטראָלירט אין פּעטערבורג? די רוסיש-ייִדישע פּרעסע האָט גאַנץ אויפֿמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך גאָלדפֿאַדנס גאַסטראָלן אין פּעטערבורג. מיר האָבן אין "רוסקי יעווריי" אַ גענויעם אַרטיקל-באַריכט וועגן גאָלדפֿאַדנס ערשטער פֿאָרשטעלונג אין פּעטערבורג.

אין דעם אַרטיקל איז פֿרִיער פֿאַר אַלץ אינטערעסאַנט פֿאַר אונדז דאָס, וואָס ניט געקוקט אויף דער אַלגעמיינער נעגאַטיווער באַציונג צו גאָלדפֿאַדנס טעאַטער, ווערט דאָך אַנערקענט, אַז די אַקטיאָרישע שפּיל איז געווען אויף אַ געוויסער הויך. די אַקטיאָרן ווערן געלויבט דערפֿאַר אָבער ווערט שוין גאָר ניט געלויבט אַ. גאָלדפֿאַדן, דער פֿאַרפֿאַסער פֿון "שמענדריק," וואָס איז דאָ אויפֿגעפֿירט געוואָרן. דער רעצענזענט זעט אין "שמענדריק" נאָר עפּעס אַ פֿאַנטאַזיע "ניט פֿון דער וועלט," אַן אָפּקלאַנג פֿון אַ ווײַטער פֿאַרגאַנגענהייט. ער זעט ניט אין דער פּיעסע קיין ענטפֿער אויף קיין איינציקער צײַט-פֿראַגע. ער וויל אין דער פֿאָרשטעלונג ניט אַנערקענען קיין לעבנשטייגער. ער וויל ניט אָנעמען די געשטאַלטן פֿאַר טיפּן פֿון יִידישן לעבן, אָבער מער פֿאַר אַלץ פֿאַרדריסט ים, וואָס אין "שמענדריק" איז ניטאָ קיין קולטערעלער טאַקט, קיין געפֿיל פֿון מאָס, וואָס איז דער שׂנאה qוֹאַ נאָך פֿון פּאָעטישן שאַפֿן (88). אָט אַזוי ווערט אין פּעטערבורג באַגעגנט גאָלדפֿאַדנס טרופּע.

די ערשטע פֿאָרשטעלונג, ווו גאָלדפֿאַדן האָט באַוויזן זיך פֿאַר די יִידישע קריטיקער ניט זײַן געוויינטלעכן רעפּערטואַר, האָט בײַ דער קריטיק ניט אויסגענומען. אָבער דאָסמאָל האָט עס גאָלדפֿאַדענען ווייניק וואָס געדאַרפֿט שרעקן, ווײַל אַליין גאָלדפֿאַדן האָט שוין געדאַרפֿט פֿילן, אַז ער איז גרייט צו גיין אַנטקעגן די פֿאָדערונגען פֿון זײַנע יִידישע קריטיקער.

ש. אַנסקי וועלכער האָט געוויס באַקומען זײַנע ידיעות פֿון מענטשען, וואָס זײַנען אין דער צײַט געשטאַנען נאָענט צו גאָלדפֿאַדענען, דערציילט וועגן גאָלדפֿאַדנס איבערגאַנג צו זײַנע היסטאָרישע פּיעסן אַזוי:

"דער מער אויפֿגעקלערטער טייל פֿון דער יִדישער געזעלשאַפֿט, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַ טיפֿער אַכטונג צום געדרוקטן וואָרט, איז געווען שאָקירט פֿון דעם לײַכטזיניקן כאַראַקטער פֿון רעפּעטואַר פֿונם יִדישן טעאַטער, און

גאָלדפֿאַדן, וועלכער האָט זיך צוגעהערט צו די מיינונגען פֿון דער אינטעליגענץ, האָט גענומען שרײַבן נאַציאָנאַלע דראַמען אויף היסטאָרישע טעמען." (89)

דאָסזעלבע ווערט דערציילט אויך אין אַרטיקל "וועגן ייִדישן טעאַטער" אין _יוד_. "כאַראַקטעריסטיש איז -- שרײַבט אין _יוד_ אי. גרינבוים -- אַז די לעבנסבילדער האָט מען אין פֿיל ערטער געפֿונען פֿאַר באַליידיקנדיקע פֿאַר דאָס גאַנצע ייִדישקייט, פֿאַר אַנטיסעמיטישע. דאָס האָט געצוווּנגען גאָלדפֿאַדענען צו פֿאַרפֿאַסן זײַנע פּאָפּולערסטע שטיק: "בר-קוכבה," "שולמית," "דר. אַלמאַסאַדאַ."(90)

גאָר אינגיכן, נאָך גאָלדפֿאַדנס קומען אין פּעטערבורג, באַווײַזן זיך מעלדונגען וועגן גאָלדפֿאַדנס היסטאָרישע פּיעסן און דער טאָן פֿון דער פּרעסע ענדערט זיך.

פּונקט אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל גאָלדפֿאַדן ענדערט אין זײַנע היסטאָרישע פּיעסן דעם אינהאַלט פֿון זײַן שאַפֿן.

אַזוי לייענען מיר אין "רוסקי יעוורײ" וועגן דער ערשטער פֿאָרשטעלונג פֿון דער היסטאָרישער אָפּערעטע "דאָקטאָר אַלמאַדאַסאַ:" *

"די אויפֿפֿירונג פֿון דער נײַער פּיעסע באַגריסן מיר אַלס אַ שריט פֿאָרויס און לכל-הפּחות אַלס אַ פֿריידיקע דערשײַנונג אין דער געשיכטע פֿון יונגן ייִדישן טעאַטער. דער ייִדישער טעאַטער, וואָס עקזיסטירט אַזאַ קורצע צײַט, האָט שוין געמוזט אוישערן אַזוי פֿיל פֿאָרוווּרפֿן, אַז עס האָט זיך שוין געשאַפֿן וועג דעם אַ גאַנצע ליטעראַטור. דער ייִדישער טעאַטער פֿאַרדאַרבט דעם געשמאַק, ער פֿאַרשפּרייט לײַכטזיניקייט - זאָגן איינע, פֿון דער צווייטער זײַט האָט מען געהערט קלאָגן זיך אויף דעם פּובליקום, אַז עס האָט חשק נאָר צו קאָמישע סיטואַציעס. קאָן זײַן, אַז גערעכט זײַנען אי דער אי יענער צד, אַלנפֿאַלס, האָט אַ. גאָלדפֿאַדן מיט דער

אויפֿפֿירונג פֿון דער נײַער פּיעסע . . . געטאָן זייער גוט, ווײַל ער האָט זיך גענומען עקספּלאָאַטירן די ייִדישע געשיכטע. אויב פֿון דער אויספֿירונג האָט מען געקאָנט פֿאַרלאַנגען עפּעס בעסערס, האָט אָבער די פּיעסע אַליין געמאַכט אויפֿן פּובליקום אַ גוטן אײַנדרוק. עס איז לאַנג שוין צײַט אַוועקצוּוואַרפֿן די פֿריילעכע סיוזשעטלעך, אָט די אַלע "שמענדריקעס," דאָס אויסלאַכן און שטראָפֿן אויף אַ פֿאַרשפּעטיקטן אופֿן די ניט-עקזיסטירנדיקע געשפּענסטער." (91)

נאָך אַזאַ רעצענזיע האָט אַ. גאָלדפֿאַדן געקאָנט רעכענען, אַז דער ציל פֿון זײַן רײַזע קיין פּעטערבורג איז דערגרייכט, אָבער ווי געזאָגט זײַנען די היסטאָרישע פּיעסן געשריבן געוואָרן ניט נאָר כּדי צו געפֿעלן די ייִדישע קריטיקער, הגם אויך דאָס איז געשטאַנען ניט אופֿן לעצטן אָרט בײַ גאָלדפֿאַדענען. די היסטאָרישע פּיעסן הויבן אָן איצט אָנמערקן אַ נײַעם עטאַפּ אין גאָלדפֿאַדנס דראַמאַטישן שאַפֿן. ** דאָס כאַראַקטעריסטישע פֿאַר גאָלדפֿאַדענען אין דעמדאָזיקן עטאַפּ איז דאָס, וואָס ער שטרעבט אין זײַנע פּיעסן אַרײַנצוטראָגן אַן עלעמענט פֿון אידעאַליזאַציע

* וועגן דעם דערפֿאָלג פֿון דר. "אַלמאַסאַדאַ" אין פּעטערבורג הערן מיר פֿון גאָלדפֿאַדן אַליין צו דערציילן אין זײַן לידער-זאַמלונג: "ייִסטראָליק," ווּ עס ווערט צו איינעם "פֿון די לידער געגעבן אַזאַ בעמערקונג: "דאָס באַליבטע ליד האָב איך פֿאַרפֿאַסט צו מײַן פּיעסע "אַלמאַסאַדאַ," וואָס איז צום ערשטען מאָל אויפֿגעפֿירט געוואָרן אויף פּעטערבורגער בינע דעם 12 יאַנוואַר 1888 יאָר און גרויס פֿוראָר געמאַכט."

** וועגן גאָלדפֿאַדנס היסטאָרישע פּיעסן איז ביז אַהער נאָך זייער ווייניק געשריבן געוואָרן. בײַ אַ גענויער באַהאַנדלונג האָט מען געקאָנט פֿעסטשטעלן, ווי אַזוי גאָלדפֿאַדן האָט אַהער, אין דעם נײַעם "היסטאָרישן" זשאַנר אַריבערגעטראָגן אייניקע עלעמענטן פֿון זײַנע פֿרִיערדיקע שטייגער-קאָמעדיעס

און פֿאַרסן און וואָס עס איז אין דידאָזיקע היסטאָרישע פּיעסן געווען נײַס פֿאַר גאָלדפֿאַדענען. עס קאָן אָבער קיין צווייפֿל ניט זײַן, אַז אין אַלגעמיינע שטריכן האָבן די היסטאָרישע פּיעסן אָפּגעשפּיגעלט גאָלדפֿאַדנס נײַע שטימונגען, וואָס זײַנען געקומען נאָך דער פּאָגראָם-צײַט, די שטימונגען פֿון אַ מענטשן, וואָס וויל אין עפּעס תּשובֿה טאָן, וויל פֿאַרבײַטן דעם עפֿעקט פֿון זײַן פֿריִערדיקער בײַסנדיקער סאַטירע אויף דער אידעאַליזאַציע פֿון טראַדיציאָנעלע ייִדישע פֿיגורן. דידאָזיקע ווענדונג אין גאָלדפֿאַדנס שאַפֿן האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן אין פּעטערבורג. אויב מיר האָבן נאָך פֿאַר פּעטערבורג געהאַט ידיעות וועגן גאָלדפֿאַדנס פּרוּוו צושרײַבן היסטאָרישע פּיעסן, איז עס אָבער דעמאָלט נאָך געווען ניט מער ווי אַן עפּיזאָד. אין פּעטערבורגער פּעריִאָד ווערט די באַאַרבעטונג פֿון היסטאָרישע סיוזשעטן פֿאַרוואַנדלט בײַ גאָלדפֿאַדענען אין אַ סיסטעם, וואָס אַנטשפּרעכט זײַן נײַעם געדאַנקען-גאַנג.

פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט. עס ווערן דעמאָלט צום ערשטן מאָל אויפֿגעפֿירט "דאָקטער אַלמאַסאַדאַ," "בר-כּוכבה" און גאָלדפֿאַדנס פֿאַרלאַנג נאָך היסטאָרישע סיוזשעטן איז אַזוי גרויס, אַז ער גרייט צום ערשטן מאָל אַרײַנצונעמען אין זײַן רעפּערטואַר אַ ווערק פֿון אַן אַנדערן מחבר. מיר דערוויסן זיך פֿון "פֿאָלקס-בלאַט," אַז גאָלדפֿאַדן גרייט צו די אויפֿפֿירונג פֿון נוצקאָווס "אוריעל אַקאָסטאַ" - אין זײַן אייגענער באַאַרבעטונג (92).

גאָלדפֿאַדן פֿאַרבלײַבט אין פּעטערבורג העכער אַ האַלב יאָר און פֿאַרלאָזט ים ערשט אין פֿעוורואַל פֿון 1882 יאָר.

---

צו דער צײַט ווען גאָלדפֿאַדן האָט פֿאַרלאָזן פּעטערבורג, דאָס הייסט אין אָנהויב פֿון 1882 יאָר, איז דער צושטאַנד פֿון ייִדישן טעאַטער אויף אַזוי פֿיל פֿאַרענדערט געוואָרן, אַז גאָלדפֿאַדן האָט געמוזט זיך שוין רעכענען דערמיט.

גאָלדפֿאַדן האָט געמוזט איַינזען, אַז ער הערט ביסלעכווייַז אויף צו זיַין דער איינציקער הערשער פֿון דער ייִדישער בינע אין רוסלאַנד. אין 1881 יאָר האָט גאָלדפֿאַדן געהאַט אויסצושטיין אַ קאָנקורענץ בלויז אין אָדעס גופֿא. אַרויספֿאָרנדיק פֿון אָדעס האָט ער געקענט פֿרייַ אויסקלייַבן זיך אַ מאַרשרוט, פֿאַרבלייַבן אין יעדער שטאָט וויפֿל ער האָט געוואָלט, און בכלל פֿילן זיך פֿרייַ פֿון יעטווידער קאָנקורענץ. אין 1882 און 1883 יאָרן איז די לאַגע געוואָרן אַנדערש. גאָלדפֿאַדנס קאָנקורענטן (די טרופּעס פֿון לערנער, מאָגולעסקאָ) האָבן שוין אָנגעהויבן באַזוכן אויך אַנדערע שטעט חוץ אָדעס (פּאָלטאַווע, קעשעניעוו, און אַנדערע). אין אָדעס גופֿא האָבן זיך גאָלדפֿאַדנס קאָנקורענטן שוין אַוודאי פֿאַרפֿעסטיקט. איצט דאַרף גאָלדפֿאַדן אָדער אָנהויבן אַ פֿאַרביטערטן קאַמף מיט זייַנע קאָנקורענטן, אָדער מאַכן מיט זיי שותּפֿות.

ווען מע קוקט זיך צו צו גאָלדפֿאַדנס טעטיקייט אין די יאָרן 1882-1883, זעט מען, אַז גאָלדפֿאַדן שטעלט זיך ניט אָפּ פֿעסט אויף איינעם פֿון דידאָזיקע צוויי וועגן.

גאַנץ אָפֿט קומט עס צו פֿייַנטלעכע צוזאַמענשטויסן מיט זייַנע קאָנקורענטן, עס טרעפֿט אָבער אויך, אַז גאָלדפֿאַדן אַנערקענט די מאַכט פֿון זייַנע קעגנער און גייט איין צו מאַכן שותּפֿות אויף אַ צייַט. אַזאַ שותּפֿעסדיקע טרופּע פֿון גאָלדפֿאַדנס און לערנערס אַקטיאָרן האָט געשפּילט אין אָדעס סוף 1882. אָבער שוין אין די ערשטע טעג פֿון יאַנוואַר חודש 1883 לייענען מיר אין אַן אָדעסער צייַטונג פֿאָלגנדיקעס:

"דער אַנטרעפּעניאָר פֿון דער ייִדישער טרופּע ה. גאָלדפֿאַדן האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעטיילט פֿון זייַן קאָמפּאַניאָן ה. לערנער און האָט איבערגעטראָגן זייַנע פֿאָרשטעלונגען אין דעם האַנטווערקער-קלוב, וווּ עס איז שבת, דעם ערשטן יאַנוואַר געגעבן געוואָרן די ערשטע פֿאָרשטעלונג מיטן אָנטייל

פֿון די הערן שיינגאָלד און צוקערמאַן. ווי עס באַציט זיך די ייִדישע געזעלשאַפֿט צום ה. גאָלדפֿאַדן, האָט מען געקענט זען פֿון דעם, וואָס דער זאַל איז געווען איבערפֿול מיט עולם, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די פּיעסע "דוואָסיע די פֿליאָטקעמאַכערין" איז ניט קיין נײַע זאַך" (93).

אין אַזאַ פֿאַל ווען גאָלדפֿאַדן איז זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען מיט זײַנע שותּפֿים, האָט עס באַטײַט דעם אָנהויב פֿון אַ פֿאַרביטערטער העצע, וועלכע לערנער האָט מיט אַלע מיטלען געפֿירט קעגן גאָלדפֿאַדענען.* ווי עס ווערט דערציילט אין אייניקע ערטער, האָט צווישן די קאַמף-מיטלען קעגן גאָלדפֿאַדנס טעאַטער באַזונדערס געגאָלטן די מסירה. צו דעם אויסגעפּרוּווטן מיטל פֿלעגן אָנקומען ניט נאָר גאָלדפֿאַדנס קאָנקורענטן.

גאָלדפֿאַדנס טעאַטער האָט געהאַט נאָך פֿאַרביטערטע שׂונאים, וואָס האָבן מיט פֿאַראייניקטע כּוחות געקעמפֿט קעגן ים. דאָס זײַנען געווען פֿריִער פֿאַר אַלץ די פֿאָרשטייער פֿון דער ייִדישער אָרטאָדאָקסיע צוזאַמען מיט דער ייִדישער געלט-אַריסטאָקראַטיע. פֿון פֿאַרשיידענע קוועלן** הערן מיר, אַז מסירות אויף דעם ייִדישן טעאַטער האָבן באַזונדערס געשטאַמט פֿון "אונדזערע גרויסע באַנקירן, די פֿאָנען-טרעגער פֿון דער אָפֿיציִעלער השׂכּלה און פֿון דער אידיי פֿון אַסימיליאַציע." (95) אויב אין די פֿריִערדיקע צײַטן האָבן די אידעאָלאָגן פֿון דער ייִדישער רעדאַקציע באַנוגנט זיך מיט אַ העצע-קאַמפּאַניע אין דער רוסיש-ייִדישער פּרעסע, איז דאָס איצט שוין, קאָנטיק, געווען ווייניק פֿאַר זיי. זייער פֿאַרלאַנג איז געווען צו אַרויסרופֿן אַ דירעקטן פֿאַרבאָט פֿון ייִדישן טעאַטער. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿאַר דער צאַרישער רעגירונג איז די העצע קעגן גאָלדפֿאַדענען געווען נאָר צום האַנט און זי האָט נאָר געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט, כּדי צו מאַכן אַ סוף צו דער עקזיסטענץ פֿון ייִדישן טעאַטער אין רוסלאַנד.

גאָלדפֿאַדנס טרופּע האָט דערווײַל מיט דערפֿאָלג געשפּילט (דאָסמאָל שוין אָן שותּפֿים) אין אָדעס. נאָך אין פֿעוורואַל חודש פֿון 1883 גייט גאָלדפֿאַדן ווידער איבער

* צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון די מיטלען, צו וועלכע לערנער פֿלעגט אָנקומען אין דער טעאַטער-רעקלאַמע, איז כּדי אָנצוווײַזן: אין 1883 האָט אַן אָדעסער צײַטונג, געבנדיק אַ מעלדונג וועגן דער טרופּע פֿון לערנער, געשריבן, אַז די טרופּע ווערט געשטיצט פֿון אַ לאָנדאָנער מיסיאָנערישער געזעלשאַפֿט און דער ציל פֿון די פֿאָרשטעלונגען, וואָס די טרופּע וועט געבן, וועט זײַן: באַקאַנט מאַכן ייִדן מיטן ווען פֿון קריסטנטום (94).

** גרינבוים דערציילט אין _יוד_ וועגן דעם, ווי "אונדזערע בעלי-טובֿות" האָבן געפֿירט זייער קאַמפּאַניע קעגן גאָלדפֿאַדענען: "מע האָט פּשוט געשריבן אַ מסירה צום 'מיניסטער'" -- שרײַבט גרינבוים (96).

פֿון האַנטווערקער-קלוב אין מאַריען-טעאַטער. ער פֿירט אויף מיט דערפֿאָלג נײַע פּיעסן ("דר. אַלמאַסאַדאַ," "בר קוכבה," "יהודה המכּבי" 97), וועלכע זײַנען נאָך אין אָדעס ניט אויפֿגעפֿירט געוואָרן.* אָבער דאָס זײַנען שוין געווען די לעצטע חדשים פֿון זײַן טעאַטער-עקזיסטענץ. ד עם פֿערצנטן סענטיאַבר איז אַרויס דער באַפֿעל, וואָס האָט פֿאַרבאָטן ייִדישע טעאַטער-פֿאָרשטעלונגען אין רוסלאַנד.

די אָדעסער צײַטונגען, וואָס האָבן ניט מיטאַמאָל פֿאַרעפֿנטלעכט די ידיעה וועגן טעאַטער-פֿאַרבאָט, האָבן פּלוצעם אין סענטיאַבר חודש גענומען מעלדן, אַז אין מאַריען-טעאַטער וועלן פֿאָרקומען פֿאָרשטעלונגען פֿון אַן ענגליש-אַמעריקאַנישער טרופּע קאָמיקער, גימנאַסטן און אַקראָבאַטן. און מיט זיי צוזאַמען וועלן אַרויסטרעטן אַרטיסטן פֿון דער ייִדישער טרופּע (98).

נאָכדעם זיינען די אַנאָנסן וועגן מאַריען-טעאַטער אינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן און ערשט דעם 25-טן סענטיאַבר האָט זיך אין אַן אָדעסער צייַטונג באַוויסן פֿאָלגנדיקע נאָטיץ:

"אין ריגע זייַנען איבערגעריסן געוואָרן די פֿאָרשטעלונגען פֿון אַ ייִדישער דראַמאַטישער טרופּע - אַזאַ ווי בייַ אונדז - וואָס האָט דאָרטן געשפּילט. די "ריגאַשע צייַטונג," וואָס טיילט מיט דידאָזיקע ידיעה - גיט צו דערבייַ, אַז לויט דער פֿאַראָרדענונג פֿון דעם געהילף-מיניסטער פֿון אינערליכע ענינים, דעם גענעראַל-לייטענאַנט אָרזשעווסקי, ווערט בכלל פֿאַרבאָטן צו געבן טעאַטראַלע פֿאָרשטעלונגען אויף דער ייִדישער שפּראַך. עס האָט זיך אַרויסבאַוויזן, אַז די אויפֿפֿירונג פֿון אייניקע פּיעסן אויף דערדאָזיקער שפּראַך - הגם זיי זייַנען פֿריִער דערלויבט געוואָרן - ווערט איצט גערעכנט פֿאַר אומפּאַסיק" (99).

ווי עס זעט זיך פֿון אָדעסער צייַטונגען איז גאָלדפֿאַדנס טרופּע דעמאָלט אין אָדעס ניט געווען.

וואַרשייַנלעך, האָט ער דעמאָלט גאַסטראָלירט אין ריגע און דאָרט האָט ים געטראָפֿן דער טעאַטער-פֿאַרבאָט.

---

* וועגן דער אָנפֿירונג פֿון גאָלדפֿאַדנס _בר-קוכבה_ אין אָדעס געפֿינען מיר אַן אָנווייַזונג אין דער לידער-זאַמלונג _ייִסראָליק_, ווו גאָלדפֿאַדן גיט צו צו איין ליד אַזאַ באַמערקונג: "דאָס ליד האָב איך פֿאַרפֿאַסט צו מייַן פּיעסע _בר-קוכבה_, צום ערשטן מאָל אויפֿגעפֿירט אויף דער אָדעסער בינע דעם 5 מייַ 1883."